בס"ד

וישלח - תשפ"ב - גליון י"ט

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

## הָרַחֲמָן הוּא יְפַרְנְסֵנוּ בְּכָבוֹד

### יצחק אבינו האט געוואונטשן פאר יעקב אז **אידישע פרנסה** זאל זיין למעלה מדרך הטבע 'מטל השמים'

טייערע אידן! ווען מען רעדט וועגן די ענין פון פרנסה שטייט ביי די ברכות וואס יעקב אבינו האט באקומען, און יצחק אבינו האט אים ווארעם אנגעוואונטשן "ויתן לך אלוקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש." דער הייליגער דגל מחנה אפרים ברענגט די קושיא פונעם זוהר הקדוש. די זוהר הקדוש פרעגט, "וואס איז די חילוק צווישן וואס יצחק האט געוואונטשן פאר יעקב און וואס ער האט געוואונטשן פאר עשו? פאר עשו האט ער דאך אויך געוואונטשן 'הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל.' דאס איז דאך כמעט די זעלבע ווערטער ווי פאר יעקב!"

דער דגל מחנה אפרים פארענטפערט די קושיא פונעם זוהר, און ער איז מסביר. פאר עשו האט יצחק געוואונטשן "משמני **הארץ** יהיה מושבך." דיינע ברכות זאלן קומען אויף דיר בדרך הטבע באופן פון ארציות, אבער אויב איז דא א מזל אדער א כוכב וואס וועט צוריק האלטן דיינע השפעות, וועסטו גארנישט קענען טוהן צו ממשיך זיין ווייטער דיינע השפעות. פאר יעקב אבינו האט יצחק געוואונטשן מיט גאר אן אנדערע לשון. "ויתן לך **האלוקים** מטל השמים ומשמני הארץ וגו'." יעקב'ס ברכות זענען נישט געקומען אויף אים בדרך הטבע, נאר למעלה מדרך הטבע-דירעקט פונעם רבונו של עולם צו אים. קיין שום מזל אדער כוכב וועט נישט קענען צוריק האלטן יעקב'ס ברכות און השפעות! ווי נאר א מזל אדער כוכב וועט נאר פראבירן צו מונע זיין די השפעות פון קומען, וועט מען מתפלל זיין צום רבונו של עולם און די השפעות וועלן ווייטער פליסן עד בלי די!

איך האב געזעהן א ווארט אין ספר אמרי קודש פון הרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זצ"ל. ער האט געטייטשט "ויתן לך האלוקים מטל השמים וגו'," ויתן ויחזור ויתן. השי"ת וועט אונז נישט געבן אלע השפעות אויף איין מאל, נאר יעדן טאג וועלן מיר באקומען פרישע השפעות פאר דעם פרישן טאג! דאס איז א געוואלדיגע חסד פון אויבערשטער אז א איד פילט אז ער איז אנגעוויזן אויף דעם אויבערשטער'ס חסדים מדי יום ביומו.

דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל פלעגט נאכזאגן פונעם שם משמואל בשם הרה"ק איציקל ווארקער ז"ע. דער נחש הקדמוני נאכ'ן מכשיל זיין אדם וחוה איז געשאלטן געווארן "ועפר תאכל כל ימי חייך." פרעגט הרה"ק איציקל ווארקער ז"ע: 'האט דען דער נחש באקומען א קללה? ער האט דאך באקומען דער בעסטער ברכה! ווי ער געפונט זיך נאר, און ווען ער וויל האט ער בריווח צו עסן! כדי דאס צו פארענטפערן געבט ער א משל. א קעניג האט געהאט צוויי קינדער. פאר איינעם האט ער געגעבן גאר א גרויסע סכום געלט פאר זיין פרנסה און אים אוועקגעשיקט זיך צו מאכן א לעבן אליינס. פארן צווייטן האט ער נאר געגעבן וויפיל ער דארף צום לעבן פאר איין טאג. עס איז נישט קיין שום ספק אז דער קינד וואס ער האט געגעבן נאר גענוג געלט צום לעבן פאר איין טאג האט ער א סך מער ליב ווי דעם אנדערן, ווייל דער קינד וויל ער זעהן יעדן טאג, און ער וויל אים יעדן טאג קענען געבן! דעם צווייטן קינד האט ער טאקע געגעבן גאר א סך געלט, אבער ער וויל אים מער נישט זעהן.

זאגט הרה"ק איציקל ווארקער ז"ע: "דאס איז געווען דער גרויסע קללה וואס דער נחש האט באקומען. דער אויבערשטער האט אים געזאגט 'דא האסטו דיין עסן פאר דיין גאנצע לעבן. איך וויל נישט הערן פון דיר, און בעט מיך מער גארנישט!' דאס איז די ערגסטע קללה און עונש וואס מען קען נאר באקומען, אז דער אויבערשטער זאגט 'איך וויל נישט הערן פון דיר'."

האט דער ראחמיסטריווקער רבי זצ"ל אויסגעפירט, "דאס איז געווען די ברכה פאר יעקב אבינו. ויתן ויחזור ויתן. יעדן טאג וויל דער אויבערשטער אויסהערן זיינע תפילות, און יעדן טאג וויל אים השי"ת פון פריש משפיע זיין חסדים ורחמים!"

דער הייליגער חובת הלבבות שרייבט אז פאר יעדע מענטש איז באשערט פונקטליך וויפיל פרנסה ער זאל האבן. עס וועט אים גארנישט העלפן אז ער וועט מער ארבעטן, און עס וועט אים גארנישט שאטן אז ער וועט נישט קיין סך ארבעטן, נאר זיין באשערטע פרנסה וועט שוין אנקומען צו אים דורך פארשידענע אופנים.

עס איז באקאנט אז דער אבן עזרא איז געווען אן עני ואביון און ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף זיך אליינס. "ווען איך וואלט ווען געארבעט מיט תכריכין וואלט

קיינער נישט געשטארבן, און ווען איך וואלט געהאנדלט מיט לעכט וואלט קיינמאל נישט טינקל געווארן...

זיינע תלמידים האבן עס נישט אויסגעהאלטן, און זיי האבן זייער געוואלט אז זייער באליבטער רבי זאל זיך נישט אזוי פול מוטשעטען און ער זאל האבן פרנסה בריווח. זיי האבן אויך געוויסט אז ער וועט בשום אופן נישט מסכים זיין צו נעמען געלט פון זיי. זיי האבן באשלאסן צו מאכן שפיצל. זיי האבן געוויסט וועלכע וועג ער פלעגט גיין אין גאס יעדן טאג, האבן זיי אים אינטערגעלייגט געלט ערגעץ אינמיטן וועג טראכטנדיג אז ער וועט דאס זעהן און עס וועט דאך דאס זיין א מציאה. דאס וועט זיין פאר אים נאר מן השמים, און נישט חלילה קיין מתנת בשר ודם. זיי האבן זיך באהאלטן אין דער זייט און גוואַרט צו זעהן וואס וועט זיך דא אויסקאכן. דער מינוט איז אנגעקומען, און דער אבן עזרא גייט שוין כמעט אריבער, אבער-צו זייער אנטוישונג איז ער געגאנגען מיט פארמאכטע אויגן! נו, דא האבן זיי שוין געזעהן אז זיי מעגן טוהן וואס זיי ווילן, אבער אז עס איז אים נישט באשערט וועט גארנישט העלפן. ער וועט פארפעלן צו זעהן די געלט!

די תלמידים זענען געווען זייער נייגעריג צו וויסן פארוואס ער איז געגאנגען מיט פארמאכטע אויגן, האבן זיי אים פארציילט פונקטליך וואס זיי האבן דא אינטערגעשטעלט און זיי האבן געפרעגט, "רבי! פארוואס ביסטו פונקט דארטן אריבער מיט פארמאכטע אויגן?" דער אבן עזרא האט זיי געענטפערט. "ממש פאר איך בין דארטן אדורך געגאנגען, האב איך מיך אנגעהויבן מתבונן זיין אין די געוואלדיגע חסד פונעם אויבערשטער אז איך קען זעהן מיט מיינע אויגן! כדי איך זאל בעסער אנערקענען וואספארא חסד די ראייה איז, בין איך געגאנגען א שטיקל וועג מיט פארמאכטע אויגן אז ביים צוריק עפענען די אויגן זאל איך בעסער משיג זיין דעם געוואלדיגע חסד השם אז איך קען זעהן!"

מען זעהט פון די מעשה, אז וואס עס איז באשערט פאר א מענטש וועט אים דער אויבערשטער געבן, און וואס עס איז אים נישט באשערט וועט ער דאס בשום פנים ואופן נישט באקומען!

הרה"ח יעקב שטערן ז"ל האט מיר דערציילט אז ער פלעגט ארבעטן אויף 47 סטריט אין מאנהעטן, און ער פלעגט יעדן טאג פארן מיטן

סאבוועי צו די ארבעט. איין טאג איז ער אראפ די טרעפן צום סאבוועי, און עפעס גרינס באגריסט אים פון די טרעפ. ער האט זיך נישט אראפגעבויגן קוקן אויף דעם טראכטנדיג אז דאס איז זיכער פלעי מאני (שפילצייג געלט)... דערנאך האט ער געטראכט צו זיך. "פארוואס זאל איך נישט זיין א גוטע איידע פאר מיינע אייניקלער? פאר זיי איז עס דאך יא אן ארטיקל!" ער בייגט זיך אראפ און פילט אן איין האנט מיט די גרינע געלט, פאקט זיי אריין און טאש און גייט זיך ווייטער. אנקומענדיג אין די ארבעט איז ער איבערראשט געווארן ווען ער האט זיך דערזעהן מיט א טאש פול מיט הונדערטערס! ניין, נישט קיין שפילצייג געלט... עכטע הונדערטערס! די ערשטע רגע האט ער געטראכט, "אוי! א שאד אז איך האב נישט אלעס אויפגעהויבן..." אבער שפעטער האט ער זיך געכאפט. "א יעדע הונדערטער וואס איך האב אין טאש איז מיר געווען באשערט, און די אנדערע הונדערטערס וואס איך האב דארט געלאזט, איז נישט געווען באשערט פאר מיר!"

---

## כִּי הִקְרָה ה' אֱלֹקֶיךָ לְפָנָי

---

# די פסוק לערענט אונז וואס מיינט אמונה

### דער איד גלייבט נישט וואס ער הערט $30,000.00 אריין געשיקט אין זיין באנק עקאונט

טייערע אידן! ווען יעקב אבינו איז געגאנגען אויסכאפן די ברכות פון עשו, האט זיך יצחק אבינו זייער געוואונדערט און געפרעגט יעקב אבינו. "ווי אזוי האסטו אזוי שנעל מצליח געווען צו טרעפן א בהמה און מיר צוגרייטן א מאלצייט?" האט יעקב אבינו געענטפערט, "כי הקרה ה' אלוקיך לפני."

דער זרע שמשון שטעלט זיך אויף דעם און פרעגט. "ווי אזוי קען דאס זיין אז יעקב אבינו, דער איש תם ואיש אמת-זאל זאגן 'כי הקרה ה' אלוקיך לפני'? ער האט דאך גארנישט געטוהן צו פאנגען די גדיים, נאר ער האט זיי באקומען פון רבקה! לכאורה זעהט אויס אז זיינע דיבורים זענען נישט ממש אמת."

כדי צו פארענטפערן די קושיא איז דער זרע שמשון מקדים א יסוד אין אידישקייט. א איד מוז וויסן און לעבן מיט דעם אז לא כוחי ולא עוצם ידי עשו לי את החיל הזה! אויב א איד ווערט נתעשר, זאל ער זיך פאר קיין איין מינוט איינרעדן אז זיינע השתדלות האבן אים געברענגט די עשירות, נאר ער איז נתעשר געווארן ווייל אזוי האט השי"ת גוזר געווען! אויב וואלט אים נישט געווען באשערט קיין עשירות וואלט אים די השתדלות בשום אופן שבעולם נישט געהאלפן. אזוי אויך אויב ווערט א איד נתעלה לגדולה, זאל ער זיך נישט פאר קיין איין מינוט איינרעדן אז צוליב זיין חכמה און פקחות איז ער נתעלה געווארן, נאר בלויז דערפאר ווייל כך גזרה חכמתו יתברך!

יעקב אבינו האט געלעבט מיט א מורא'דיגע קלארקייט, און ער האט געוויסט און געגלייבט אז ער אליין קען גארנישט טוהן. וואס ער טוט יא- האט דער אויבערשטער געטוהן! דערפאר, ווען יצחק האט אים געפרעגט 'ווי אזוי האסטו אזוי שנעל מצליח געווען צו מיר צוגרייטן א מאלצייט,' האט יעקב אבינו געענטפערט 'כי הקרה ה' אלוקיך לפני,' און ער האט דאס געמיינט מיט די גאנצע ערנסקייט! ווייל ביי יעקב אבינו איז געווען קלאר ווי די טאג אז נישט נאר ווען מען גייט אין וואלד פאנגען חיות

דארף מען האבן סייעתא דשמיא צו מצליח זיין צו פאנגען, נאר אפילו אויב מען באקומט די מאלצייט פארטיגערהייט פון די מאמע רבקה, דארף מען אויך דער אויבערשטער זאל דאס מאכן. א מענטש קען דאך גארנישט טוהן, און אלעס טוט דער אויבערשטער!

אין שומר אמונים מאמר בטחון והתחזקות ברענגט ער, אז א איד וואס שטארקט זיך מיט בטחון וועט זעהן גדולות ונצורות בענין פרנסה. ער ברענגט א מדרש, "מה גאולה פלאים, אף פרנסה פלאים." ער ברענגט נאך א מדרש, ''פארוואס הייסט עס הלל הגדול? ווייל השי"ת זיצט ברומו של עולם און ער טיילט מזונות פאר אלע באשעפענישן.'' נאך זאגט ער אז חז"ל זאגן אז א מענטש ווייסט נישט פון וואס ער וועט פארדינען, ווייל פרנסה קומט בהיסח הדעת. די פרנסה קומט פאר'ן מענטש באופן פלא, און דאס איז פארהוילן אפילו פון די עליונים. וויבאלד דער באשעפער איז מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, איז דאך ממש דא יעדן טאג אנדערע פלאות ווי אזוי השי"ת איז מפרנס די וועלט. דער שומר אמונים פירט אויס. ''איך אליינס האב שוין געזעהן און געהערט פלאי פלאות ווי אזוי השי"ת האט מזמין געווען פרנסה פאר אידן אויף אזעלכע וואונדערליכע אופנים, אז איך וואלט געקענט אנפילן הונדערטע בענדער ווען איך וואלט אויסגעשריבן די אלע מעשיות! א איד וואס זיין אמונה ובטחון אין השי"ת איז שטארק און גאנץ, דארף ער קיין טראפעלע נישט זארגן וועגן זיין פרנסה, און ער איז פארזיכערט נאך מער ווי דער לייב איז פארזיכערט מיט זיין שטארקייט!''

הגה"ח אברהם יוסף גארדן שליט"א האט מיר דערציילט. ''אפאר וואכן צוריק האט א איד, א שיינע בעל פרנסה געהאלטן פאר'ן חתונה מאכן א קינד. זיין רב האט אים גע'עצה'ט אז ער זאל זיך איינקויפן א זכות לכבוד זיין שמחה, און ער זאל העלפן צוויי עניי ארץ ישראל חתונה מאכן אין די זעלבע נאכט וואס ער מאכט חתונה. דער איד האט זיך צוגעכאפט צו דעם געדאנק, און ער האט אנגערופן הרה"ח אברהם סלאנים שליט"א-א גרויסע עסקן און איש חסד אין חצר הקודש ראחמיסטריווקא אין ארץ ישראל. ער האט אים געבעטן ער זאל אים אויפזיכן צוויי אידן נצרכים וואס מאכן חתונה אין די זעלבע נאכט ווי אים, ווייל ער וויל זיי העלפן, און דורכדעם זיך איינקויפן א זכות לרגל זיין שמחה. ר' אברהם סלאנים האט אים געשאפט צוויי אידן נצרכים וואס גייען טאקע חתונה מאכן אין די זעלבע נאכט ווי ער - ער רופט אן דעם ערשטן, שטעלט זיך ארויס אז יענער איז א בריסקער איד, אבער יענער זאגט אז ער איז שוין ברוך השם כמעט אינגאנצן מסודר, און עס פעלט אים נאר פינף טויזנט שקל. ער האט יענעם תיכף אריבערגעשיקט דאס געלט.

ער רופט אן דעם צווייטן איד און ער זאגט אים, ''איך מאך חתונה ממש די זעלבע נאכט ווי איר, און איך הער אז איר קענט ניצן הילף. וויפיל דארפט איר פאר די חתונה?'' דער איד בלייבט שטיל און ענטפערט נישט קיין איין ווארט. דער נגיד פרעגט אים נאכאמאל, ''שעמט אייך נישט, איר קענט מיך נישט, און איך קען אייך נישט, זאגט מיר וויפיל עס פעלט אייך נאך פאר די חתונה?'' יענער ענטפערט נישט. דער נגיד לאזט זיך נישט און בעט זיך, ''איך בעט אייך. זייט מיר מזכה מיט א זכות לכבוד מיין שמחה! זאגט מיר וויפיל עס פעלט אייך.''

דער איד ברעכט די שטילקייט און זאגט, ''איר זענט ממש א שליח פון באשעפער צו מחזק זיין מיין אמונה ובטחון! ממש אפאר מינוט צוריק בין איך אהיימגעקומען און אנגעהייבן צו קרעכצן צו מיין פרוי, "וואס וועט דא זיין? מיר מאכן אט אט חתונה, און עס איז קוים דא פאר חיי יום יום, און א ודאי און א ודאי איז נישט דא פאר צרכי החתונה." מיין פרוי האט זיך ממש געוואונדערט אויף מיר און געפרעגט, "ווי איז דיין בטחון אינעם אויבערשטער?" זאג איך איר, "וואס הייסט בטחון? דו טראכסט אז דער אויבערשטער וועט מיר יעצט אריינשיקן אין שטוב א זאק מיט געלט?" זי לאזט זיך נישט און ענטפערט, "א ודאי! דער באשעפער האט דען א פראבלעם אריינצושיקן א זאק מיט געלט פאר די הוצאות החתונה?" זי האלט נאך אינמיטן רעדן און מיין טעלעפאון צוקלינגט זיך. איך הייב אויף דעם טעלעפאון, און ווער מיינט איז אויפן אנדערע זייט טרייבל? איר האט מיר יעצט אריינגעקלינגען צו פארשלאגן הילף פאר די הוצאות החתונה!'' דער נגיד האט יענעם געגעבן 30,000$ פאר די חתונה. דאס איז אלעס א פעלזן פעסטע בטחון פון א תמימות'דיגע אידישע פרוי!''

טייערע אידן! איינער וואס פארלאזט זיך אויפ'ן אויבערשטער איז פארזיכערט מיט זיין פרנסה. א ודאי מוז מען טוהן השתדלות בדרך הטבע פאר פרנסה, אבער מען טאר זיך פאר קיין איין רגע איינרעדן אז די השתדלות ברענגט די פרנסה! מען קען זעהן בחוש אז די השתדלות האט גארנישט צוטוהן מיט די פרנסה. פרנסה געבט נאר דער איין איינציגער באשעפער-הזן את העולם כולו בטובו בחן ובחסד וברחמים!

# וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי

# ווי איז די אייבערשטענ'ס דאווען שטיבל? זאגט די הייליגע מהרש"א

## הגה"צ שלום שוואדראן זצ"ל פרעגט דעם לויער "האסטו שוין געדאווענט?

טייערע אידן! וועגען די ענין פון תפילה טרעפן מיר אז יעקב אבינו איז געגאנגען קיין חרן, און די זון איז פליצלינג אינטערגעגאנגען. 'ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש' וגו', זאגט רש"י אז יעקב אבינו האט זיך געוואונדערט, ווי אזוי קען דאס זיין אז איך בין אריבערגעאנגען דעם הר המוריה -די פלאץ ווי מיינע עלטערן האבן דארט געדאוונט- און איך האב מיך נישט אפגעשטעלט דארטן דאווענען? יעקב האט געוואלט צוריק גיין, אבער דער אייבישטער האט אים געמאכט א נס אז קפצה לו הארץ, הר המוריה איז געקומען צו יעקב, און ער האט

דוקא דארטן מתקן געווען תפילת ערבית. יעקב האט דוקא געוואלט דאווענען אין א מקום תפילה!

היינטיגע צייטן בעוונותינו הרבים האבן מיר ליידער נישט קיין בית המקדש, און מיר קענען נישט ארויפגיין צום הר המוריה דינען השי"ת און מקריב זיין קרבנות. דער אייבישטער האט אונז אבער נישט פארלאזט, און ער האט אונז געגעבן א בית המקדש מעט, דאס זענען אונזערע בתי כנסיות ובתי מדרשות, וואס דארטן קומען מיר דריי מאל אין טאג צו דינען השי"ת און אים לויבן און דאנקען, און זיך אויסבעטן ביי אים אלע אונזערע צרכים!

דער הייליגער רמב"ן שרייבט א ביאור וואס איז די תפקיד פון א בית המדרש. די כוונה פארוואס השי"ת האט אונז געגעבן בתי כנסיות איז פאר תפילה ברבים, און אז אידן זאל האבן א פלאץ זיך צוזאמען צו קומען און דארט דאנקען דעם אייבישטער אז ער האט אונז באשאפן, און מפרסם זיין איינער פארן צווייטן אז בריותיך אנחנו!

די גמרא זאגט אין ברכות, מנין שהקב"ה מתפלל? שנאמר ושמחתים בבית תפילתי, תפילתם לא נאמר אלא תפילתי, זעהט מען פון דעם דער אייבישטער אליינס דאווענט! דער הייליגער מהרש"א שרייבט אויף די גמרא א הערליכע הוספה! מען זעט פונעם פסוק אז דער אייבישטער דאווענט אין שול, ווייל דער פסוק זאגט "בבית תפילתי", און ער ברענגט אויף דעם א ראיה. די גמרא זאגט אין מסכת מגילה אז די בתי כנסיות ובתי מדרשות פון בבל וועלן לעתיד לבא ארויפגיין קיין ארץ ישראל, טייטשט מיט דעם דער מהרש"א דעם פסוק והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפילתי וגו', אז דער אייבישטער וועט זיינע שולן אין וועלכע ער כביכול דאווענט -בבית תפילתי- ארויפפירן צום הר המוריה לעתיד לבא.

היוצא לנו מזה, אז ווען א איד קומט אין שול אריין דאווענען, איז נישט נאר וואס ער האט די זכיה צו רעדן צום אייבישטער, נאר ער קומט גאר אריין אין דעם אייבישטערס פריוואטע דאווען שטיבל און ער דאווענט כביכול מיטן אייבישטער אינאיינעם!

פאר פערציג יאר צוריק האב איך געהערט א דרשה פון הגה"צ שלום שוואדראן זצ"ל, און ער האט דעמאלס פארציילט א מורא'דיגע מעשה, ומעשה שהיה כך היה, אזוי האט ר' שלום זצ"ל דערציילט:

איך בין אמאל געווען אין לאנדאן אויפצוטוהן פאר אידישקייט. איין טאג קומט צו צו מיר א פרייער איד און ער הייבט זיך אן זייער שטארק אויסצורעדן צו מיר: ראביי, איך בין אין א גרויסער צרה! איך בין א לויער (אדוואקאט) דא אין ענגלאנד. אין רוב מדינות אין די וועלט איז דער כלל, אז וואס א גרעסערע שקרן דער לויער איז, אלס א גרעסערע מוצלח איז ער.... דא אין ענגלאנד איז ממש פארקערט! אויב כאפט מען א לויער זאגן ליגנט פארלירט ער זיין לייסענס, און אמאל קען מען אפילו באקומען תפיסה. ממש לעצטענס האט מען מיר געכאפט ביי א ליגנט, און עס דרויערט מיר צו פארלירן מיין לייסענס, און ווער ווייסט וואס נאך... ראביי וואס טוט מען?

פרעג איך דעם לויער "האסטו שוין געדאווענט צו דער אייבישטער?" ענטפערט ער "דער אייבישטער האט מיר ממש לעצטענס געהאלפן שלא כדרך הטבע, איך וויל נישט אויסניצן דעם אייבישטער צו שטארק!" איך צושמייכל מיך און פרעג אים צוריק "וואס האט דיר דער אייבישטער לעצטענס אזוי שטארק געהאלפן?

דערציילט מיר דער לויער א מוסר השכל'דיגע מעשה: איינע פון מיינע קינדער האט זיך לעצטנס נישט גוט געשפירט, און איך האב אים אריינגעפירט אין שפיטאל פאר אינטערזיכונגען. ליידער האבן די דאקטוירים נישט געהאט פאר מיר קיין גינסטיגע נייעס! זיי האבן ביי אים אנדעקט די ביטערע מחלה ל"ע. די דאקטוירים האבן מיר געראטן וואס שנעלער צו פארן צו א גרויסער פראפעסער פון אן אנדערע פרעמדע מדינה וואס איז א גרויסער ספעציאליסט אין די מחלה, און אפשר וועט ער מיך קענען העלפן.

צובראכן און צוקלאפט האב איך מיך פארבינדן מיט יענעם פראפעסער, און נאכן ערהאלטן אן אפוינטמענט האב איך מיך אויפגעהויבן און געפארן צו יענעם פראפעסער מעבר לים. איך קום אן אין יענעם פרעמדן שטאט, און איך האב נאך אפאר שעה צו ווארטן ביז מיין אפוינמענט.

איך טראכט צו מיר 'ווער וועט מיך דא ארויסהעלפן? וואס וועט זיין מיט מיין קינד?' און איך האב מיך צעוויינט אינמיטן די גאס, און האב געקלערט צו מיך 'איך בין דאך א איד, איך וועל מיך אויסוויינען צום אייבישטער. ממחשבה למעשה איך וויל דאווענען צום אייבישטער, אבער דאן האב איך מיך דערמאנט אז דער אייבישטער האט דאך א ספעציעלע אויפנאם צימער... א שול! איך נעם זיך אויפזיכן א שול אין די געגנט פונעם דאקטארס אפיס, און נאך אפאר מינוט זיכן האב איך געטראפן א שול, אבער... די טירן זענען פארשלאסן. איך טראכט צו מיר 'זאל זיין וואס זאל זיין, איך מוז שוין יעצט זיך אויסוויינען צום אייבישטער, איך גיי אריין פונעם פענסטער!' איך זיך אויף א נידעריגע פענסטער, און ויפן כה וכה וירא כי אין איש, איך קריך אריין דורכן פענסטער אינעם שול אריין!

איך האב אין אן אויגנבליק אויסגעפלאצט אין א ביטערע געוויין און שטארק געבעטן דעם אייבישטער אז מיין קינד זאל וואס שנעלער ארויסקריכן פון דעם פעקל און ער זאל געזונט ווערן! איך האב נישט געהאט צופיל צייט צו וויינען, ווייל מיין אפוינמענט איז שוין ממש אין געציילטע מינוטן.

איך לויף ארויס פונעם שול (דורכן פענסטער) און פלינקערהייט לויף איך אריבער צום דאקטארס אפיס און איך בין אין א מזל'דיגע שעה אנגעקומען צו מיין אפוינטמענט. מיט א ציטערדיגער הארץ גייען מיר אריין צום דאקטאר, און דער דאקטער נעמט זיך אינטערזיכן דאס קינד. א לאנגע צייט האט זיך דער דאקטער געמוטשעט צו זיכן די מחלה ל"ע, אבער נאך א לאנגע גרונטליכע אינטערזיכונג רופט אויס דער דאקטער: אנטשולדיגט אז איר האט זיך אהער געשלעפט פאר אומזיסנסט, אבער אייער קינד איז געזונט און שטארק, און ער איז בכלל נישט קראנק! איר קענט שוין צוריק אהיימפארן!

פירט אויס דער לויער זיין מעשה פאר ר' שלום און זאגט: איר פארשטייט? איך האב שוין ממש לעצטנס באקומען פונעם אויבערשטער אזא גרויסער טובה, איך וויל אים נישט תיכף נאכדעם באמוטשענען מיטן אים בעטן נאך טובות....

ר' שלום זצ"ל האט אויסגעפירט די מעשה זאגענדיג: קוקט, אפילו אזא פרייע איד וואס ווייסט קיים פונעם אויבערשטער צו זאגן האט אויך געוואוסט דעם אדרעס ווי מען קען אנקומען צום אויבערשטער! אין שול! דארט ווי מיר קומען רעדן צום אויבערשטער דריי מאל אין טאג!

## דער הייליגער שטוב אינעם קרעטשמע

# האדמו"ר מערלוי זצ"ל הייסט איהם "גיי זיי מתפלל אין הרה"ק משה יוסף'ס שול"

טייערע אידן! ווען יעקב אבינו האט געחלומ'ט פונעם לייטער שטייט אין פסוק אז נאכן אויפשטיין פון זיין שלאף האט יעקב אבינו געזאגט "אין זה כי אם בית אלוקים וזה שער השמים", זאגט רש"י אז יעקב אבינו האט געמיינט צו זאגן אז דא איז א מקום תפילה, ווייל די בית המקדש של מעלה איז פונקט אנקעגן די בית המקדש של מטה.

דער פריערדיגער בעלזער רב הרה"ק ישכר דוב ז"ע האט זיך אויף דעם געשטעלט און געפרעגט, אז אין פרשת בשלח שרייבט רש"י פונקט פארקערט, אז די בית המקדש של **מטה** איז פונקט אנקעגן די בית המקדש של **מעלה**, פארוואס שרייבט רש"י איינמאל פארקערט פונעם צווייטען מאל?

כדי דאס צו פארענטפערן איז ער מקדים, אז כידוע האבן אברהם אבינו און יצחק אבינו זוכה געווען צו קדושת בית המקדש במקומו, אבער יעקב אבינו האט זוכה געווען צו קדושת בית המקדש שלא במקומו, אזוי ווי רש"י זאגט אז יעקב האט שוין געהאט אריבער געגאנגען דעם מקום המקדש אבער קפצה לו הארץ. יעקב אבינו האט מיט דעם געמאכט א הכנה פאר אידישע קינדער במשך אלע קומענדיגע דורות ווען זיי וועלן זיין אין גלות, אז אין וועלכע פלאץ אויף די וועלט אידן וועלן זיך צוזאמען נעמען אין די שולן מתפלל צו זיין צום אויבערשטער וועלן זיי קענען אהין ממשיך זיין קדושת בית המקדש.

לויט דעם שטימען זייער שיין די צוויי רש"י'ס. אין פרשת בשלח זאגט רש"י אז בית המקדש של **מטה** איז כנגד בית המקדש של **מעלה**, דאס איז אין די גוטע צייטן ווען אידן זענען זוכה ארויפצוגיין אין בית המקדש בפועל ממש. אין פרשת ויצא זאגט רש"י אז בית המקדש של **מעלה** איז אנקעגן די בית המקדש של **מטה**, דאס אין די שנות הגלות וואס אידן זענען ליידער נישט זוכה ארויפצוגיין בפועל ממש אין בית המקדש. יעקב אבינו האט אונז שוין אויסגעטרויטן דעם וועג אז ווי אין די וועלט א איד שטעלט זיך נאר דאווענען צום אויבערשטער איז ער זוכה אז די קדושת בית המקדש של מטה ווערט נמשך אהין צו יענעם מקום, און נאכדעם ווערט נמשך אקעגן דעם, די קדושה פון בית המקדש של מעלה.

איך האב געזעהן אין אמרות טהורות פונעם ראחמיסטריווקער רבי שליט"א. ער דערציילט אז ער האט געהערט פון הרה"ח חיים הערש אייזנבאך ז"ל אז עס האט אים דערציילט א איד וואס האט נאך זוכה געווען צו פארן צו הרה"ק אייזיקל קאמארנער ז"ע. איינמאל איז הרה"ק אייזיקל ז"ע געפארן איטערוועגנס, און ער האט זיך אפגעשטעלט נעכטיגן אין א קרעטשמע. ער האט געבעטן דעם בעל הבית אז ער וויל האבן א ספעציעלע צימער צום דאווענען. יענער האט אים דאס טאקע צוגעשטעלט, און הרה"ק אייזיקל ז"ע איז אריין דאווענען אין יענעם צימער. נאכן דאווענען קומט דער קאמארנער ז"ע ארויס און פרעגט דעם בעל הבית "ווער איז געווען דא אין דעם צימער? איך פיהל דא א גרויסע קדושה?"

ענטפערט אים דער בעל הבית: איך האב דעם קרעטשמע בירושה פון מיין טאטע ע"ה, וואס ער האט דאס געהאט בירושה פון מיין זיידע ע"ה. מיין זיידע האט דערציילט אז איינמאל איז הרה"ק לוי יצחק מבארדיטשוב ז"ע אנגעקומען אין דעם קרעטשמע, און ער האט געבעטן א ספעציעלער צימער צום דאווענען, און מיין זיידע ע"ה האט אים געגעבן דעם צימער צו דאווענען. נאכן דאווענען קומט ארויס דער בארדיטשובער רב ז"ע, און פרעגט מיין זיידן "איך פיהל א גרויסער קדושה אין דעם צימער! ווער איז שוין אמאל דא געווען?"

ענטפערט אים מיין זיידע ע"ה: איך האב די קרעטשמע בירושה פון מיין טאטע ע"ה וואס ער האט עס געהאט בירושה פון מיין זיידע ע"ה. מיין זיידע ע"ה האט דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב ז"ע אנגעקומען אין דעם קרעטשמע, און ער האט געבעטן א צימער צום דאווענען, און מען האט אים געגעבן די צימער! האט דער בארדיטשובער רב ז"ע געזאגט "אויב אזוי פארשטיי איך שוין אלעס, ווייל ווי א צדיק דאווענט איז ער אהין ממשיך גרויסע קדושות.

דער בעל הבית ענדיגט דאס אלעס צו דערציילן פאר הרה"ק אייזיקל קאמארנער ז"ע, האט דער קאמארנער געזאגט "נו, אויב אזוי פארשטיי איך שוין אלעס. און איך דארף דיר שוין נישט מסביר זיין, ווייל דער בארדיטשובער רב ז"ע האט שוין מסביר געווען פאר דיין זיידן".

נאך א מעשה דערציילט דער ראחמיסטריווקער רבי שליט"א בשם ר' חיים הערש אייזענבאך ז"ל בשם ר' מרדכי סג"ל ז"ל. הרה"ק דוד'ל טאלנער ז"ע איז אמאל אנגעקומען קיין אדעסס, און ער איז געגאנגען דאווענען אינעם גרויסן שטאטישן שול. ער גייט ארויף אויבן אן און לייגט אראפ די טלית און תפילין. ער הייבט אן צוצוגיין פון איין שטענדער צום צווייטן און ער טאפט און טאפט. ער ענדיגט טאפן אלע שטענדערס פונעם ערשטן רייע, גייט ער צו צום צווייטן רייע, און ער טאפט ווייטער. ער קומט אן צום דריטן רייע און נעמט זיך טאפן, ביז ער קומט אן צו א געוויסער שטענדער און ער טאפט און ער פרעגט "ווער האט אמאל גדאווענט ביי דעם שטענדער?" אין די ערשטע מינוט האט קיינער נישט געוויסט וואס אים צו ענטפערן. נאך צוויי מינוט האט זיך איינער אנגערופן "מיט יארן צוריק האט אייער ברודער הרה"ק מנחם נחום ממאקארוב

געדאווענט אין דעם שול, און ער האט זיך געשטעלט ממש ביי דעם שטענדער!”

עס האט מיך היינט דערציילט הרה"ח דוד ברייער הי"ו פון קרית יואל: איך האב אלס קינד געוואוינט אין אונגערישע הייזער אין ירושלים. די ערשטע בית המדרש וואס מען האט געבויעט אין אונגערישע הייזער איז געווען די בית המדרש פון הרה"ק משה יוסף האפפמאן זצ"ל וועמען מען האט גערופן דער פאפא דיין. ער איז געווען א תלמיד פונעם כתב סופר ז"ע און פון הרה"ק יהודה אסאד ז"ע. ער איז געווען א גרויסער איד און ער האט געהאט גילוי אליהו. גאלאנטער רב זצ"ל איז געווען זיין תלמיד, און איינמאל האט גאלאנטער רב זצ"ל געדאווענט אין הרה"ק משה יוסף'ס סידור האר"י. ווען הרה"ק משה יוסף זצ"ל איז שפעטער צוריק אהיימגעקומען האט ער אים געזאגט "אליהו הנביא האט מיר געזאגט אז דו האסט געדאווענט אין מיין סידור האר"י".

שפעטערע יארן האבן אויך דארטן געדאווענט הרה"ק יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל און הגה"צ יוסף צבי דושינסקי זצ"ל.

איינמאל איז א תלמיד פונעם ערלוי'ער רב זצ"ל געקומען פרעגן א שאלה וועגן א שידוך, האט אים דער ערלויער רב זצ"ל געהייסן גיין זאגן תהילים אין הרה"ק משה יוסף'ס שול, און דארטן וועלן אלע שאלות פארענטפערט ווערן. דער איד האט אזוי געטוהן, און אינמיטן תהילים זאגן האט ער באקומען זייער קלארע רמזים אין די פסוקים פון תהילים וואס ער דארף טוהן!

איינמאל איז א תלמיד פון ערלויער רב זצ"ל געווען אין א גרויסער עת צרה, און ער איז זיך געקומען אויסוויינען צום ערלויער רב זצ"ל, האט אים ערלויער רב זצ"ל געהייסן גיין מתפלל זיין אין הרה"ק משה יוסף'ס שול, און ער האט טאקע געהאט א ישועה למעלה מדרך הטבע!

על כל פנים היוצא לנו מכל הנ"ל, אז א יעדער איד האט א כח ממשיך צו זיין קדושת בית המקדש ווי ער דאווענט נאר, און א ודאי און א ודאי אז אויף א מקום ווי א צדיק האט געדאווענט ווערט נמשך כך מיני קדושות וואס יארן יארן שפעטער בלייבן נאך די קדושות דארטן, אז צדיקי אמת קענען דאס שפירן!

דער אויבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן פועל'ן אלעס גוטס!

# סיפורי צדיקים

## ▪ י"ח כסלו איז די יארצייט פון דער הייליגער **רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע.**

י"ח כסלו איז די יארצייט פון דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע.

האט פארציילט דער בעל 'דברי שמואל' פון סלאנים, בשם א רב. אז ל"ג בעומר איז בעיקר געווען א יום טוב אין ארץ ישראל, און אין חוץ לארץ איז עס נישט געווען אזוי שטארק א יום טוב, אבער ביי רבי ר' ברוכ'ל איז עס געווען א גרויסער יום טוב, מער ווי מען האט געזען ביי אנדערע צדיקים פון חוץ לארץ. ער האט געטראגן בגדי שבת, ער האט געפירט זייער א לאנגע טיש, און ער האט מאריך געווען מיט די תורה.

דער הייליגער לעכעוויטשער זי"ע איז געווען ביי אים זיבן מאל, צוזאמען מיט הרה"ק ר' אשר סטאלינער זי"ע. איינמאל האט רבי ר' ברוכ'ל אנגעפאנגען צו שרייען אויף רוסיש 'ברוך הבא ר' שמעון', און ס'איז געווארן א פחד אויף אלע מענטשן ארום, זיי האבן פארשטאנען אז רבי שמעון בר יוחאי איז דארט.

איינמאל האט רבי ר' ברוכ'ל געזאגט תורה אויפן פסוק 'כי אתה אבינו, כי אברהם לא ידענו, וישראל לא יכירנו'. און ער האט געלייגט די ספר 'זוהר הקדוש' אויף זיין הארץ, און געשריגן: "דו ר' שמעון, דו האסט מיר מודיע געווען, דו האסט מיר מכיר געווען, דו האסט מיר געמאכט דערקענען אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט".

## ▪ די פערד פונעם בעל שם טוב זצוק"ל

עס האט פארציילט דער ז'מיגראדער רבי זי"ע ס'איז ידוע וואס מ'פארציילט אויף רבי ר' ברוכ'ל, אז אמאל איז געקומען צו אים א מענטש, און געזאגט אז ער האט געהערט פון ספרים אז אויב מ'פאסט פערציג טעג איז מען זוכה צו רוח הקודש, און ער האט געפאסט און ער האט צו גארנישט זוכה געווען.

האט אים רבי ר' ברוכ'ל געפרעגט וואס ער האט געטון נאכן תענית? האט ער געזאגט, איך וועל זאגן דעם אמת, נאכן תענית האב איך געגעסן אסאך מער פון א געווענליכע טאג ווען ער האט נישט געפאסט. האט אים רבי ר' ברוכ'ל געפרעגט, האסט הנאה געהאט פון די מאכלים? האט ער געזאגט, יא. האט אים רבי ר' ברוכ'ל געזאגט איך וועל דיר דערציילן א מעשה:

דער זיידע - דער הייליגער בעל שם טוב פלעגט כסדר פאָרן מיט קפיצת הדרך מיטן פערד און וואגן. איינמאל האט ער געזאגט, אז די פערד זענען בעלי גאה, מ'טוט זיי אן שיין, רעדן זיי זיך איין אז זיי זענען גרויס, זיי כאפן נישט אז מ'טוט זיי אן שיין וועגן דער מענטש וואס פארט אויף זיי...

די פערד זענען געפלויגן אין די לופטן, און ווען ס'איז געקומען די פלאץ וואו זיי זענען שוין געווענליך געווען הונגעריג, און זיי האבן נישט געגעסן, האבן זיי פארשטאנען אז זיי זענען שוין מער ווי מענטשן, ווייל זיי דארפן נישט עסן.

שפעטער זענען זיי אנגעקומען צו די צווייטע פלאץ וואו זיי זענען געווען צוגעוואוינט אז זיי עסן שוין די צווייטע מאל, און זיי האבן נאכאלס נישט געגעסן, האבן זיי שוין געמיינט אז זיי זענען מלאכים... און ביי די דריטע און פערטע מאל האבן זיי שוין געמיינט אז זיי זענען שרפים...

סוף כל סוף איז דער בעל שם טוב אנגעקומען צו א גאסט-הויז, און זיי זענען שוין געווען זייער הונגעריג. מ'האט געגעבן פאר די פערד צו עסן, און דעמאלס זענען זיי געוואויר געווארן אז זיי זענען סתם פערד...

זאגט רבי ר' ברוכ'ל: "די זעלבע זאך מיט דיר, ווען דו האסט געפאסט, ביסטו געווען הונגעריג, אבער נאכן תענית, ווען דו האסט שוין געקענט עסן האסטו געזען א סימן אז דו האסט זיך געפאפט מיט דיין עבודה, דו ביסט בכלל נישט צוגעקומען צו קיין מדריגות. טראכט נישט אזוי ווי די פערד האבן געטראכט..."

## ▪ ביים צדיק איילט מען זיך ניט

אויך האט דער 'דברי שמואל' פארציילט, אז דער הייליגער קאברינער איז אמאל געווען אין מעזיבוז, און דארט איז געווען די טאכטער פון הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל. ווען ער האט געוואלט אהיימפארן, האט זי געזאגט: "אונז האבן מיר א קבלה פונעם טאטן אז מ'זאל זיך נישט איילן, דער עיקר איז ישוב הדעת".

אזוי ווי ער האט דאס געהערט האט ער זיך נישט געאיילט מיט זיין נסיעה, און ס'איז טאקע געווען א נס, אז מען איז שפעטער געוואר געווארן אז אינמיטן וואלד האבן רויבער געווארט אויף איהם צו באפאלן און ווי באלד ער האט זיך נישט געאיילט זענען זיי אוועק געגאנגען און אזוי איז ער געראטעוועט געווארן.

## ▪ 'ערום ביראה'

הרה"ק ר' משה צבי פון סאווראן זי"ע האט פארציילט, אז איינמאל שבת ביי רבי ר' ברוכ'ל איז געווען איינער פון די געסט א גרויסער תלמיד חכם און א שיינער יוד. נאך די סעודת פרייטאג צונאכטס איז ער געגאנגען לערנען אין בית המדרש. ער האט פארגעסן אז ס'איז שבת, און בטעות האט ער גענומען א לעכט פון די עמוד, און ער איז געגאנגען זוכן א גמרא.

יעדער איז געווען שטיל, ווייל רבי ר' ברוכ'ל איז דארט געווען, אבער ר' ברוכ'ל האט געשריגן: "א חוצפה גדולה, מ'נעמט אוועק א לעכט פון מיין עמוד!" יענער האט זיך דערשראקן, און ער האט צוריקגעברענגט די לעכט.

האט דער סאווראנער רב געזאגט, דאס איז געווען די געוואלדיגע חכמה פון רבי ר' ברוכ'ל, ווייל ווען ער שרייט אויף אים אז ס'איז שבת, וואלט זיך יענער דערשראקן, און ער וואלט אראפגעווארפן די לעכט אויף דער ערד, און ער וואלט נכשל געווארן מיטן אויסלעשן די לעכט אויך! דאס איז טייטש 'ערום ביראה', ער איז געווען קלוג מיט יראת שמים, ער האט געוואוסט וויאזוי ער קען יענעם ראטעווען אז ער זאל נישט אריינפאלן נאכאמאל אין אן עבירה.

## ▪ דער פאסטוך פון ארצות המעריב

ר' מאיר קליערס האט פארציילט, וואס ער האט געהערט פון זיין טאטע הרה"ג ר' משה קליערס, וואס איז געווען דער רב פון טבריה. אז די ספרדי'שע רבנים פון ארצות המערב, זענען געווען גרויסע צדיקים.

הרה"ק ר' יעקב שמשון משפיטיווקא, וואס איז געווען פון די חבריא פון הרה"ק ר' מענדיל וויטעבסקער, האט אים געשיקט פאר א שליח, א שד"ר, ער זאל פארן אין די שטעט צאמנעמען געלט פאר די אנשי טבריה.

איינמאל איז ער אנגעקומען אין איינע פון די ספרדי'שע שטעט, און ער איז געווען ביים רב פון שטאט, האט ר' יעקב שמשון געזאגט פארן רב אז ער האט א שווערע זוהר הק'. האט דער רב געזאגט אז דער זוהר איז אים אויך שווער. האט דער רב געזאגט: "איך וועל גיין צו ר' שמעון, און איך וועל אים פרעגן פשט".

דער רב האט געגעבן א פארווארף די קאפ, ער איז געווארן פאר'דביקות'ט פאר א לענגערע צייט, און ר' יעקב שמשון האט געווארט. ווען ער איז אויפגעשטאנען פון די דביקות, האט ער פארציילט אז ער איז געווען ביי רבי שמעון בר יוחאי, און ער האט אים מסביר געווען פשט אין די זוהר, און דער רב האט איבערגעזאגט דער פשט פאר ר' יעקב שמשון.

דער רב האט זיך פארענטפערט פארוואס עס האט גענומען אזוי לאנג. האט דער רב געזאגט: "אלעמאל ווען איך קום אן צו ר' שמעון לאזט מען מיר גלייך אריין. אבער יעצט ווען איך בין אנגעקומען האט מען מיר נישט אריינגעלאזט. האב איך געפרעגט פארוואס לאזט מען מיר נישט אריין, האט מען אים געזאגט ווייל יעצט איז דא ביי אים רבי ר' ברוך פון פולניא, דאס איז רבי ר' ברוכ'ל מעזיבוזער, און ווען רבי ר' ברוכ'ל גייט ארויסגיין, דעמאלס קען איך אריינקומען". און רבי ר' ברוכ'ל איז געווען דארט פאר א לאנגע צייט.

האט ר' יעקב שמשון געפרעגט צו ער קען דעם רבי ר' ברוכ'ל, האט ער געענטפערט: "זיכער קען איך אים, ער איז פון די גרויסע צדיקים, און ער איז אן איניקל פונעם בעל שם הקדוש".

האט ר' יעקב שמשון געפרעגט: "ס'זענען דא נאך צדיקים וואס זענען אזוי נאנט צו רבי שמעון בר יוחאי?" האט דער רב געזאגט: "ס'איז דא, אבער ער איז פון די גרעסטע".

נאך האט פארציילט ר' מאיר קליערס, וואס ער געהערט פון זיין טאטע. אין א שטאט אין ארצות המערב איז געווען א פאסטוך, וואס ער האט געפאשעט שעף. איינמאל איז געקומען א בער, און געכאפט א שעפעלע, און דער פאסטוך האט זיך נישט געקענט שטארקן איבער דעם בער צו פארטרייבן. דעם קומענדיגן טאג איז נאכאמאל אזוי געווען, און אזוי איז געווען די דריטע טאג.

איז דער פאסטוך געגאנגען צו דער רב דארט, און ער האט אים דערציילט וואס דא גייט פאר. האט אים דער רב געזאגט, טאמער קומט דער בער נאכאמאל, זאלסטו אים זאגן ער זאל ווארטן, און דו זאלסט מיר רופן.

קומענדיגע טאג איז דער בער געקומען, איז ער געגאנגען רופן דעם רב. ווען דער בער האט געזען דעם רב האט ער זיך געשטעלט אויף ביידע פיס, און צוגעגאנגען צו דעם רב.

דער רב האט געזאגט פארן בער ער זאל אים אריינקוקן אין די אויגן, און ער זאל זען צו ער האט אמאל געזען אז זאך וואס מ'טאר נישט. האט זיך דער בער איינגעבויגן, און אריינגעקוקט דעם רב אין די אויגן, און געשאקלט מיטן קאפ אז ניין.

האט דער רב געזאגט ער זאל קוקן אין זיינע אויערן צו ער האט אמאל געהערט א זאך וואס מ'טאר נישט. האט דער בער זיך אראפגעבויגן, און אריינגעקוקט אין די אויערן, און געשאקלט אז ניין.

האט ער אים געזאגט ער זאל אריינקוקן אין זיין מויל, צו ער האט אמאל געגעסן עפעס וואס מ'טאר נישט. האט דער בער ווייטער געשאקלט אז ניין.

האט ער אים געזאגט ער זאל קוקן אויף זיינע הענט, צו ער האט אמאל גענומען א זאך וואס מ'טאר נישט. האט ער אויך געשאקלט אז ניין, און אזוי האט ער געזאגט אויף אלע זיינע איברים.

נאכדעם וואס דער רב האט געענדיגט רעדן מיט דעם בער, האט ער געפרעגט דעם בער: "מיט וועלכע רשות קומסטו אריין אין מיין גלילות?" און ער האט געהייסן דער פאסטוך זאל אים הרג'ענען מיט זיינע פיילן.

האט ר' משה קליערס אויסגעפירט: "פון דעם זעט מען ווי גרויס די צדיקים אין ארצות המערב זענען געווען, און אף על פי כן, ווען ס'איז געקומען צו גיין צו רבי שמעון, האבן זיי געדארפט ווארטן א לאנגע צייט ביז רבי ר' ברוכ'ל איז ארויסגעגאנגען, אז זיי זאלן קענען צוקומען".

אין זכות פון דער גרויסער ר' שלום זאל מען האבן א פרייליכער שבת, וזכותם פון די אלע צדיקים יגן עלינו ועל כל ישראל, און מ'זאל פועל'ן אלעס גוטס.

# א פרייליכן שבת